מיט גרוס

אייער א. א. ראבאק

●

ע נ ט פ ע ר : איך האָב געפֿרעגט ביי ק. צעטניקן װעגן דעם. ריכטיק, אז ס'בוך „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" איז פריער געשריבן געװאָרן אין יידיש, דערנאָך ערשט האָט ער באַזונדער עס געשריבן אין עברית. דער נאָמען קאַראַל צעטינסקי איז עפּעס צוליב א מיספאַר־שטייעניש און פאַרדרייעניש געװאָרן אריינגעשריבן אין א קאַטאַלאָג פון דער העברעאישער אוניװערסיטעט אין ירושלים און פון דאָרט, זעט אויס, האָט דער טעות איבערגעװאַנדערט צו דעם האַרװאַרדער אוני־װערזיטעט.

## יצחק יאנאסאוויטש וועגן „דאס הויז פון די ליאלקעס"

(פון אַ בריװ פון 5־טן דעצעמבער, בוענאָס איירעס)

„...כ'האָב אין איינעם פון די לעצטע נומערן „די פּרעסע" ציטירט און קאָמענטירט אייער אַרטיקעלע װעגן קאַצעטניקס בוך. די עװלהדיקע פאַרשװייגעניש ארום דעם דאָזיקן בוך זאָגט נישט אָן קיין שום גוטס װעגן דעם מצב אין אונזער ליטעראטור."

## נאך אלץ וועגן יידיש אין „יד ושם"

איך מיין דאָס אלץ נאָך װעגן דער זיצונג פון װעלט־ראט פון יד ושם אין ירושלים. װעמען האָט געקענט איינפאלן, אז איך װעל זיין דער איינציקער בלויז וואס וועט דאָרט רעדן יידיש? שוין אויף דער אויס־שטעלונג פון די חורבן־דאָקומענטן האב איך נישט געזען קיין איין יידישע אויפשריפט. אָבער פאר דער זיצונג האבן אלע דעלעגאטן גע־רעדט און דיסקוטירט אויף יידיש, אבער אויף דער זיצונג — קיין איינער נישט. נישט פּראָפ' דינור, נישט ד"ר װאַרזשעצקי, נישט ראובן רובינשטיין. און אַ כעס־געפיל האָט זיך אין מיר געבונטעװעט, ערשט דאַן האב איך גענומען א װאָרט און דערקלערט מיין פּראָטעסט, מיין שטאַנדפונקט, גערעדט װעגן דער עװלה — אז „יד ושם" װאָס װיל פאַר־אייביקן דעם חורבן, זאָל אזוי עקשנותדיק אויסמיידן ס'לשון פון דעם רוב אומגעקומענע.

דאָס איז געװען, ליידער, דאָס איינציקע יידיש־װאָרט אויפן זאַל בעת יענער זיצונג אין ירושלים.

מיט דרך ארץ

ישראל טאבאקמאן, נתניה